STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07414

DI BALADE FUN MEIR LEVIN

Nochem Weisman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די באַלאַדע פון מאיר לעווין

פון

נחום וויסמאַן

אַרויסגעגעבן פון נחום וויסמאַן בוך־קאָמיטעט • ניו יאָרק, 1944.

צו מיין זון
קאָרפאָראַל אייראָן ווייסמאַן
אין דינסט פון מיין לאַנד
און זיין פרוי קלייר
איז די באַלאַדע געווידמעט.

THE BALLAD OF MEYER LEVIN

Copyright by
NOCHEM (NATHAN) WEISMAN
New York, 1944
All rights reserved

209

PRINTED IN U.S.A.

נחום ווייסמאַן

צו אייך

שמואל און שרה לעווין —

די עלטערן פון מאיר לעווין —

מיט מיין האַרציקסטער טרייסט.

פאָרוואָרט

חשוב׳ער פריינט נ. ווייסמאַן:

האָבענדיג דורכגעלעזען די באַלאַדע „מאָיר לעווין״, וועלכע איר האָט אָנגעשריבען, מוז איך אויסדריקען מיין דאַנק און גרויס צופרידנקייט צו אייך, פאַר דער שעהנער און הערליכער און טיפער געפילפולער אויפפאַסונג אין באַצוג צו מיין העלדישען זוהן, וועלכער האָט געגעבען צו אונזער לאַנד — אין דעם איצטיגען קאַמף מיט אונזערע שונאים, אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין אים — אַפילו זיין יונגען לעבען.

לאָמיר האָפען, אַז די שריפט אייערע וועט האָבען דעם געהעריגען אָפּקלאַנג און אויך אַלס אַ לעהרע אין די הערצער און מוחות פון אונזער יוגענד, וועלכע דאַרפען שטרעבען און קעמפען פאַר אַ בעסערע און גליקלעכערע מענשהייט.

שמואל לעווין

זונטאַג, דעם 29טען אָקטאָבער, 1944.

„טרובאַדור פון די טאָלן און באַרד פון די בערג״

נחום ווייסמאַן איז דער לירישער נאַטור־דיכטער פון דער קאָלירפולער אידיש־רומענישער מאָלדאַוויע. ער האָט מיטגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע די צאַרטע קלאַנגען און די בונטע פאַרבן פון די קליינע, ווייסע דערפער ביי די ברעגן פון דעם פּרוט און סירעט. ניט בלויז דורך קלאַנג און וואָרט שטראַלט אַרויס זיין פּויערישע נשמה, נאָר אויך דורך די פאַרבן פון זיינע מאָלערייען, מיט וועלכע ער פלעגט יעדן זומער באַצירן די באַנגעלאָס אין קעמפּ „קינדערלאַנד״. ניט אומזיסט פלעגן די קינדער אים רופן „נעיטשור־מען״ — נאַטור־מענטש. דאָרט וואו נחום פלעגט זיך באַוויזן, פלעגן אַלע טאָג אויסוואַקסן נייע בלימעלעך.

בלויז זיינע נאָענטסטע פריינט און חברים ווייסן ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען זיין דיכטער־וועג. די אָפיציעלע אידישע ליטעראַטור־קריטיק האָט נאָך נחומען ניט אָפּגעשאַצט.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס גראַד די „אָפּגעשטאַנענע״ בעסאַראַביע האָט ווייסמאַנען געגעבן מוט און אָנערקענונג ביים סאַמע אָנהויב פון זיין פּאָעטישער שאַפונג. אָט וואָס צוויי באַרימטע בעסאַראַבער העברייאישע דיכטער, יעקב פיכמאַן און אליהו מייטוס, האָבן צו אים געשריבן אין 1918 :

צו נחום ווייסמאַן :

כ׳האָב געלייענט דיינע לידער. די שטורעמען פון עמאָציע ברומען אין זיי. ווי אַ זעגל־שיף, ווען ס׳שלאָגט אָן איר דער ווינט, אַזוי איז דיין האַרץ, אַ דיכטער־האַרץ, אויסגעשפּרייט פאַר מיר ; אָבער אַזוי ווי אַ זעגל, וואָס דער ווינט פירט אים און ס׳איז ניטאָ פאַר אים קיין אָפּהאַלט, אַזוי שטראָמט און פּלייצט אויך דיין געזאַנג אָן אָפּהאַלט, אָן אַ שטאַרקער האַנט וואָס זאָל פאַר אים דורכשניידן אַ וועג.

אין דיינע לירישע לידער ברומען בענקענישן פון ליבע און ווייטיק. אינעם פּראַכט פון דער נאַטור געפינט דיין נשמה אַ ביסל רו, אָבער דיין האַרץ ציט צו מענטשן, און דיינע מיטגעפילן און ליבע זיינען מיט

די געפייניקטע און פאַרשטויסענע פון דער וועלט, וואָס דו ביסט איינער פון זיי.

אוי, ווי שווער ס׳וועט דיר אָנקומען צו געפינען די רו און די זעליקייט אין דער וועלט!

אָדעס, יולי 1918. **יעקב פיכמאַן.**

צום יונגן דיכטער נ. וו.

דיינע לידער זיינען האַרציקע, פול מיט וואַרעמקייט און יוגנט־פרישקייט. אַ קוואַל פון אמתער ליריק שפרודלט אין דיר. גיי אויף און באַגליק! און וויסן זאָלסטו, מיין פריינט, אַז דער וועג פון דער פּאָעזיע איז פול מיט גריבער און דערנער, אָבער אויך רויזן וואַקסן אַרויס פון איר ערד, — און עס איז כדאי פאַרן דיכטער, אַז ער זאָל ליידן צוליב איר און זיך צעקלאַפּן די פיס איבער אירע קרומע וועגן, אויב נאָר ער וועט דאָרט אויך אַרויסבאַקומען די געווינטשטע רויז...

קישינעוו, יוני 1918. **אליהו מייטוס.**

און אוי, ווי טאַקע שווער ס׳איז אים אָנגעקומען צו געפינען רו און זעליקייט אין אונדזער פאַרוואולגאַריזירטער וועלט און ווי שווער ער האָט געליטן און זיך צעקלאַפּט די פיס איבער די קרומע וועגן. ער האָט אָבער פאָרט אַרויסבאַקומען די געווינטשטע רויז.

גאַנצע העפטן מיט בלומען געפינען זיך ביי וויסמאַנען אין שופלאַד. עס ליגט ביי אים אַ ווערק וועגן דער אידישער בראַנזוויל און גאַנצע פּעק מיט לירישע באַלאַדן.

עס איז גוט, וואָס די נאָענטסטע פריינט און פאַרערער פון דעם דיכטער נחום וויסמאַן האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן „די באַלאַדע פון מאיר לעווין״ צום דיכטערס 50טן געבוירנטאָג. באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין צום באַדויערן אַזאַ טבע, אַז זיי פאַרגעסן גאַנץ אָפט אין די נאָענטסטע און בעסטע פון זייערע קינסטלער; פריינט און פאַרערער זיינען אָבער די אמתע ליבהאָבער.

לאָמיר ווינטשן דעם דיכטער פיל יאָרן פון שעפערישער אַרבעט און זאָלן דאָ מיט באַזונדערער אָנערקענונג דערמאָנט ווערן די איניציאַטאָרן פון דעם נחום וויסמאַן־בוך־קאָמיטעט, רבקה בעיער, י. בוראַקאָוו, א. קלורפעלד און אַלע פריינט און פאַרערער, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון דעם איצטיקן ווערק.

דוד סעלצער

מאיר לעווין

אַמאָל איז געווען . . .
אַמאָל איז געשען . . .
ניט לאַנג גאָר געטראָפן —
ערשט נעכטן געווען!

געלעבט האָט אַ בחור —
ער לעבט שוין ניט מער;
און קיינמאָל זיין נאָמען
פאַרגעסן וועט ווער . . .

אַ אידישער בחור —
אַ דעמבענער בוים;
געזאַנג אויף די ליפּן —
און אויגן אין טרוים.

אַ האַרץ פול מיט ליבע —
אַ מענטש מיט געפיל;
דער וועלט צוגעטראָגן
זיין האַרץ און געפיל.

אַ קעמפער אַ בראַווער —
אַ זעלנער מיט מוט;
פאַרן לאַנד אָפּגעגעבן
זיין לעבן, זיין בלוט.

און תמיד געווען
דער ערשטער אין שלאַכט;
און שטענדיק אַ גרייטער
מיט וויסן, מיט מאַכט.

אַ פליער געווען
אין אַ באָמבער-מאַשין;
זיין נאָמען געווען איז:
מ א י ר ל ע ו ו י ן!

מאיר לעווין

פּראָלאָג

פון יעלאָסטאָן-פּאַרק ביז אַלאַסקאַ —
פון האָדסאָן ביזן פּאַנאַמאַ-קאַנאַל —
צי הערט איר דאָס פּייקלען פון פּייקלעך?
צי הערט איר טרומפּעטן אין שאַל?

פאַרנעמט איר דעם רוף פון סירענעס
וואָס פלאַטערט אויף שליאַך און אויף וועג?
ס'איז לאַנד מיינס אין טויטע-געפאַרן —
פאַשיסט האָט באַפאַלן דעם ברעג! . . .

הערט איר ווי ס'פייפן שראַפּנעלן
און ס'רעווען קאַנאָנען אין ברום?
העי, ברודער פון בערג און פון טאָלן —
די ביקס היינט גענומען און קום!

צי הערט איר דעם רויש פון מאָטאָרן
איבער די הימלען דאָ הי?
ס'האָט שונא צו אונדז זיך פאַרגנבעט
אין שטאָלענע שפּאַרבערס אין פלי...

פאַרצוקן אונדז לויערט דער שונא —
ווי סאָוועס אין חושך פון נאַכט ;
איז לאָמיר די פליגל צעשפּרייטן —
ווי אָדלערס זיך לאָזן אין שלאַכט ! . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָבן טויזנטער זין פון מיין זוניקן לאַנד
מיט ליד אויף די ליפּן און ביקס אין דער האַנט
געענטפערט דעם רוף — זיך געלאָזן אין שלאַכט
מיט זייער לעבן באַשיצן דאָס אייגענע לאַנד !

מיט הערצער צעפלאַמטע מיט סאַמיקן שוים —
מיט מוט און מיט גלויבן אַוועק אינעם קריג ;
ביז מ'עט ניט אָפּמעקן דעם לעצטן פאַשיסט —
ניט קומען צוריק ! ניט קומען צוריק ! . . .

פון אַלע עקן לאַנד,
פון יעדן ווייטסטן ראָג,
פון די הויכע בערג
פונעם טיפסטן טאָל
זיינען זיי געקומען . . .
ווייס-הויטיקע,
שוואַרץ-הויטיקע,
ברוינע, געלע . . .
אַלע פעלקער דאָ — איין פאָלק!
אַלע הויטן — איין קאָליר!
אַלע הערצער — ווי איין האַרץ!
לאַנד האָט גערופן —
צוזאַמענגערופן
און געקליבן
און אויסגעקליבן:
דער — אַהער,
און דער — אַהין! . . .
פאַר דער ביקס
און פאַר מאַשין!
פאַרן טאַנק,
פאַר עראָפּלאַן;

אָן אָרט —
אָט דאָ און דאָרט
פאַר יעדן זון
פאַראַן!...
פאַרטיידיקט יעדן שפּאַן!...

מען וויל אונדזער זון דאָ באַרויבן, פאַרשטעלן!
מען וויל אונדז פאַרפּעסטען די לופט דאָ אַרום!
באַרבאַרן זיך שאַרן אין קייטן אונדז קאָוועז,
איז שנעלער — די ביקס אויפן אַקסל — און קום!

און קיינמאָל זיך שרעקן — נאָר מוטיק געגאַנגען
אַנטקעגן דעם שונא מיט שנאה אין שוים;
דערלאַנגען אים קלעפּ — פאַרמעקן זיין זכר
מיט אַ קרעפּטיקער האַנט, ווי אַ דעמבענער בוים!

פאַר פרייהייט, פאַר לעבן, פאַר אַ שענערן מאָרגן
האָבן פּיאָנערן געשמידט דאָ אַ גאָלדענע קייט;
ס'עט קיינער ניט וואַגן אונדז שמידן אין קייטן —
פאַשיסט, מעגסט זיך ריכטן, דיין קבר איז גרייט!

קינדהייט

פון 1916 ביז 1928

מאיר לעווין אַלס קינד

טרובאַדור פון די טאָלן און באַרד פון די בערג,
נעמט די גיטאַרע אַראָפּ פון דער וואַנט
און זינגט מיר און שפּילט מיר מיט האַרץ אָט דאָס ליד
פון דעם אידישן העלד פון מיין לאַנד!

צויבערדיק גייט אויף די זון אין פרימאָרגן
און פאַרגייט אין פאַרנאַכטיקן בלוי;
אַזוי זאָל דאָ אויפגיין מיט רחבות און צויבער
פון מאיר לעווינען די ליד היינט אַזוי...

זויבער-ריין פינקלט קאַיאַר דאָ דער טוי
אויף פעלדער און ביימער אין גרין;
נאָך זויבערער זאָל זיך צעקלינגען די ליד
פונעם העלדישן מאיר לעווין!

רוישיק איז וואַלד אין דער צייט פון אַ שטורעם,
ווען ס׳קראַכט דאָ דער דונער און בליץ;
שפּילט שטאַרקער, שפּילט העכער פון וועלדער אין
שטורעם —
מיט האַרציקן פלאַם און מיט היץ!

העכער דו הייב זיך, אָ ליד מיינס, אָט איצטער —
איבער רויש פון מאָטאָרן און באָמבער-מאַשין;
די וועלט זאָל דערהערן און קיינמאָל פאַרגעסן
די באַלאַדע פון מ א י ר ל ע ו ו י ן!...

מאיר לעווין — אַן אַמעריקאַנער געבוירענער —
אין ראַטשעסטער, ניו־יאָרק, דערזען האָט די שיין;
אַזוי צעשריִען זיך, ווען ר׳איז אויף דער וועלט געקומען —
אַלע האָבן געמיינט — ער וועט אַ זינגער גאָר זיין! . . .

איז געווען גליקלעך די מאַמע און גליקלעך דער טאַטע —
נאָר ראַטשעסטער אַליין האָט גאָרניט געוואוסט
אַז קומען וועט אַ צייט, ווען דאָס קינד אָט דאָס קליינע
איבער אַלע אָקעאַנען וועט ווערן באַוואוסט!

האָט ראַטשעסטער געדרימלט אין קליינשטעטלדיקן חלום
מיט „מואווים״ און קלייטן, מיט „מיין סטריטער״ גלאַנץ;
אין פרילינג באַפּוצט זיך מיט צוויטן און בלומען
און קינדער ווי בלומען אין זוניקן טאַנץ.

איז מאירל געוואַקסן ווי די בלומען אין גאָרטן —
די ערשטע טריט דאָרטן, געשטעלט זיי אין צייט;
פאַרוויגט האָט די מאַמע, מיט „ציגעלעך ווייסע״,
מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען״ פון דער גאָלדענער צייט...

אונטער מאירלס וויגעלע
ליגט אַ גאָלדן ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעלעך מיט מאַנדלען.
— — — — — — — — — —

שלאָף מיין קינד, שלאָף בסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד ;
ווען דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן
וועסטו וויסן דעם אונטערשיד...
— — — — — — — — — —

די רייכסטע פּאַלאַצן, די שענסטע הייזער
געבויט האָט דער אַרבעטסמאַן ;
נאָר ווייסטו ווער ס'טוט אין זיי וואוינען ?
גאָרניט ער, נאָר דער רייכער מאַן.
— — — — — — — — — —

איז געווען גליקלעך די מאַמע און גליקלעך דער טאַטע —
נאָר ראַטשעסטער אַליין האָט גאָרניט געוואוסט
אַז קומען אַ צייט וועט, ווען דאָס קינד אָט דאָס קליינע —
איבער אַלע אָקעאַנען וועט ווערן באַוואוסט...

האָט ראַטשעסטער געדרימלט אין קליינשטעטלדיקן חלום
מיט „מואווים” און קלייטן, מיט „מיין סטריטער” גלאַנץ ;
אין פרילינג באַפּוצט זיך מיט צוויטן און בלומען —
און קינדער ווי בלומען אין זוניקן טאַנץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

טרובאַדור פון די טאָלן און באַרד פון די בערג,
נעמט שנעל די גיטאַרע אַראָפּ פון דער וואַנט
און זינגט מיר און שפּילט מיר מיט האַרץ היינט דאָס ליד
פון דעם אידישן העלד פון מיין לאַנד!...

די בערג פון מיין לאַנד דאָ, דערגרייכן צום הימל
און טיפער פון טיף איז דער טאָל;
נאָר העכער און טיפער זאָל ליד זיך צעקלינגען —
ליד פון דעם נאָענטן אַמאָל!

די בערג פון מיין לאַנד דאָ, אין בלוי איינגעהילטע....
די טאָלן מיט נעבל פאַרצויגן;
פאַר דיר, אָ, מיין העלד פון מיין לאַנד און מיין פאָלק —
אין טרויער מיר שטייען געבויגן!...

ס׳שוימען אָקעאַנען ביי די ברעגן פון לאַנד
און איבער זיי מעוועס אין שפּיל;
שפּילט שטאַרקער, ציט פעסטער די סטרונעס אין קלאַנג
מיט ברען און מיט האַרציק געפיל...

אויף די שול-בענקלעך פון פּ. ס. 186 אין ברוקלין
האָט מאיר לעווין זיך פלייסיק געגרייט;
געלערנט און געחלומט פון פּיאָנערישע צייט,
באַנומען, פאַרנומען זייער פּיאָנערישע פרייד...

מיט דער „מייפלאַוער״ לאָזט ער זיך שווימען אויף ימען
און קומט אָן בשלום צום „פלימוט-ראָק״ ברעג;
און העלפט דאָרטן בויען פון קלעצער די הייזקעס
און אַקערט, פאַרזייט דאָרטן גאַנצענע טעג.

און ווען ס׳איז געקומען די צייט שוין צום שניידן,
איז ליידיק דער שייער געבליבן — אָן ברויט;
אַ ביטערן ווינטער קוים איבערגעטראָגן —
אַ ווינטער פון הונגער. אַ ווינטער פון טויט...

דערלעבט קוים דעם פרילינג, האָט מען ווידער געאַקערט
און ווידער די פעלדער מיט תבואה פאַרזייט;
אין האַרבסטיקער שפע, די שייערן פולע
מיט ווייצן און קאָרן געשניטן מיט פרייד.

האָט מען אַ יום-טוב געפייערט אַ יום-טוב אַ גרויסן —
מיט אינדיקעס ווילדע, פון טייכן די פיש;
האָט מען אַלע אינאיינעם די סעודה געפּראַוועט
און די אינדיאַנער, די שכנים, אויך געלאַדן צום טיש...

זיצט מאירל אויך דאָרט — אַ גאַנצער מחותן —
אַ „פּאַמפּקין״-לאַמטערנע מיט שייבעלעך קלאָר;
ער פּראַוועט „טהענקס-גיווינג״ און טרינקט „עפּל-סיידער״
און ווינטשט זיי דאָרט צו נאָך אַ בעסער „גוט-יאָר!״...

אויף די שול-בענקלעך פון פּ. ס. 186 אין ברוקלין
האָט מאיר לעווין זיך פליסיק געגרייט;
געלערנט און געחלומט פון פּיאָנערישע צייטן,
באַנומען, פאַרנומען זייער פּיאָנערישע פרייד...

מיט דאַניעל בונען אויף יאַגד זיך געלאָזן
אין ווילדע פרעירים נאָך הירשן געיאָגט;
אַ פייער צעצונדן ביינאַכט ביי די טייכן
און קאַרפּן געכאַפּט דאָרט ביז טאָג האָט געטאָגט...

געבויט דאָרטן „קעבינס" מיט הויכע „סטאָקיידעס",
מיט טויערן שווערע צו פאַרהיטן די היים;
אויף וואַך דאָרט געשטאַנען מיט ביקס אויפן אַקסל —
ס'זאָל קיינער באַפאַלן, פאַרניכטן די היים!...

און ווען די שונאים זיינען די היימען באַפאַלן
און די הילצערנע „קעבינס" פאַרברענט ביזן גרונט —
האָט ער ווייטער געוואַנדערט מיט זיין „פאַרדעקטן וואָגן"
מיט דאַניעל בונען, מיט זיין ביקס, מיט זיין הונט!...

האָט מען געשלעפּט זיך פּאַמעלעך נאָך די טריט פון די
אָקסן —
וואָכן, חדשים געוואַנדערט אין וועג;
אַ ישוב אַ נייעם פאַרקליבן זיך בויען
פאַרן ליכטיקן מאָרגן, פאַר בעסערע טעג...

האָט מען ביימער געהאַקט און צעאַקערט די טאָלן —
אויף ווירדזשיניער פעלדער „טאַבעקאָ" געפלאַנצט;
און ווינטער אַ „טרעפער" געוואָרן אין וועלדער
און פוקסן געכאַפּט דאָרט אין שנייאיקן גלאַנץ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי ס'לויפן די יאָרן, לויפט מיט אויך זיין חלום —
פאַר זיינע אויגן ציען זיך פּראַכטפולע שטעט;
דרייצן קאָלאָניעס זיינען אויסגעוואַקסן
און ס'לעבט זיך דאָ יעדער ווי אים נאָר געפעלט...

צעוואַקסן האָט לאַנד זיך מיט שטעט און מיט שטעטלעך—
עמיגראַנט איז געקומען פון איבער דער וועלט;
פון אירלאַנד און כינע, פון דייטשלאַנד, איטאַליע —
סוחרים און שקלאַפן און אידן אָן געלט...

מיט שוויס אויפן פּנים צעאַקערט די טאָלן —
מיט חלום אין האַרצן אַ היים זיך געמאַכט;
געמוטשעט, געפּלאָגט זיך, אין מינען געאַרבעט
און אַלץ דאָ געבויט — דעם פּאַלאַץ און שאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ שאַכטע לאַנג פּאַרלאָזטע
פּינצטער, חושך אָן אַ שיין —
האָט געלעבט אַן אַלטער מיינער
מיט זיין טאָכטער קלעמענטיין.

ליבסטע מיינע, ליבסטע מיינע,
ליבסטע מיינע קלעמענטיין;
ביסט אַוועק, אַוועק אויף אייביק
אין דער בלויער נאַכט אַריין!...

— — — — — — — — — — —

די בריקן און ברעגן פון ימען,
און קלויסטערס און טעמפּלס צו דינען זיין גאָט;
און גרויסע פאַבריקן און שעפער און תפיסות
פאַר דעם, וואָס פאָלגט ניט אויס דעם האַרס אַ געבאָט...

דער האַר איז געווען דער לאָנדאָנער קעניג —
ער האָט זיינע משרתים געהאַט אָט דאָ הי;
האָבן די אַלע דעם קעניגס משרתים
די הויט דאָ געשונדן אין צינזן פון מי...

פון „טרעפער" און פאַרמער און שטעטלשן סוחר —
פון אַרבעטער דאָ אין פאַבריק און אין שאַכט;
ביז איינמאָל האָבן זיי אַלע באַשלאָסן
אַראָפּוואַרפן פון זיך אָט די ענגלישע מאַכט!

חלומט איצט מאיר פון באָסטאָנער „טי-פּאַרטי",
ער רייט גאָר מיט „פּאָל רעווירן" אַרום;
ער העלפט איצט אַ קלאַפּ טאָן אין טירן און שויבן:
— „די ענגלענדער קומען אין נאַכטיקן שטום..."

מיט וואַשינגטאָן שפּאַנט איצט דער יונגינקער מאיר,
זיך געלאָזן פאַר לאַנד און פאַר היים דאָ אין קריג;
פאַר אַ פרייער אַמעריקע פייקלען די פּייקלער
און ס׳שאַלן טרומפּעטן צום ענדגילטיקן זיג...

פון טאָל און פון באַרג זיינען סאָלדאַטן געקומען,
די היימען פאַרלאָזן, אין שלאַכטן אַוועק;
פון אַקער-אייזנס האָט מען שווערדן געגאָסן,
צו מאַכן פון שונא אַ סוף און אַן עק!...

געדענקט מאיר אַ ווינטער, אַ ביטערן ווינטער
אין „וואַלי-פאָרדזש" שטייט ער מיט דער אַמעריקאַנער
אַרמיי;
באָרוועסע אַלע; די קליידער צעפליקטע —
און ס׳רעוועט דער פראָסט אין אַ ווילדן געשריי...

די „טאָרים" ניט ווילן דער רעוואָלוציע העלפן —
זיי אַרט ניט אַז ענגלאַנד זאָל געווינען די שלאַכט;
די אַרמיי האָט קיין עסן, קיין שיך און קיין קליידער —
זאָרגט מאיר אַזוי זיך אין דער פראָסטיקער נאַכט!

נאָר פּלוצלונג לייכט אויף העל זיין פאַרזאָרגט פּנים --
„חיים סאַלאָמאָן" דערשיינט אין זיין טרוים;
זיין גאַנצן פאַרמעגן האָט ער אָפּגעגעבן
דער רעוואָלוציע צו העלפן, באַפרייען דאָס לאַנד...

צו מאירלס אויערן דערגייען די ווערטער
פון „נאַטאַניעל הייל" דעם בראַוון סאָלדאַט:
— „אַ שאָד, וואָס כ'האָב נאָר איין לעבן צו געבן
פאַר מייר פאָן, פאַר מיין היים, פאַר מיין שטאַט!..."

ווייסט מאירל אויך פון די „בענעדיקט אַרנאָלדס",
וואָס האָבן פאַרקויפט און פאַרראַטן דעם קריג;
און ליב זיינען מאירן די בראַווע סאָלדאַטן,
וואָס האָבן געקעמפט און געוואונען דעם זיג!

מיט וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן און בענדזשאַמין פרענקלין
זיצט מאיר אַ שטאָלצער מיט זיי ביי איין טיש;
מען חתמעט איצט אונטער דעם אַקט פון באַפרייאונג —
שרייבט מאיר אויך אונטער אויפן זעלביקן טיש...

אומעטום פירט אים זיין אינגלישער חלום —
העלפט „בעטסי ראָס" אויסנייען וואָס גיכער די פאָן;
און קוועלט, ווי זי פלאַטערט אַ פרישע, אַ שטאָלצע
מיט שטרייפן און שטערן — די אַמעריקאַנער פאָן!

העלפט מאיר אויך ציען דעם גלאָק פון באַפרייאונג:
אַ פרייע אַמעריקע געבוירן ווערט היינט;
און ווי וועט זיין יענעם, וואָס וועט אונדז באַפאַלן
און ווינד וועט זיין צו אַמעריקעס פיינט!...

וויִ ס׳לויפן די יאָרן, לויפט מיט אויך זיין חלום —
זעט מאירל ווידער זיין לאַנד דאָ אין שלאַכט;
איצט שלאָגן זיך ברידער מיט ברידער אין לאַנד דאָ —
דער בירגער-קריג פלאַמט אין אַ פינצטערער נאַכט...

עס שלאָגן זיך ברידער פון צפון מיט דרום —
דער „נאָרד" און די „סאַוט" אויף לעבן און טויט;
פון דער „יוניאָן" וויל זיך די „סאַוט" גאָר אָפּרייסן,
וואָס וויל ניט באַפרייען די שקלאַפן פון נויט...

פאַר מאירלס אויגן ציען זיך טאָלן
מיט „קאַטן" פּאַרזייטע, די פעלדער אין בלי;
אויף זיי זיך באַוועגן נעגער געשטאַלטן
אין פּראַצע אין שווערער פון אַרבעט און מי...

מיט לינקאָלן זיצט איצטער מאיר ביים טישל,
באַפרייט פון קנעכטשאַפט אַלע נעגערס פון לאַנד;
ווי משה די אידן אַמאָל פון מצרים
באַפרייט האָט דאָרטן — פון קנעכטישער שאַנד...

פאַרטרערט איצט די אויגן ביי מאיר לעווינען —
אַ „סאַוטערנער" דערשאָסן האָט דעם פּרעזידענט;
אין טרויער געצויגן איז פאָן די באַפרייטע —
און ס׳ציטערן מאירלס פיסלעך און הענט!...

ווי ס׳לויפן די יאָרן, לויפט מיט אויך זיין חלום —
ס׳קומט אַלעמאָל צו נאָך אַ שטערנדל בלוי;
און שטאָלצער נאָך פלאַטערט די פאָן פון באַפרייאונג
און מאירלס האַרץ איז שטאָלץ אויך אַזוי...

וואַקסט אויס אַמעריקע אַזוי מעכטיק און גרויס —
פלאַטערט איר פאָן איבער ימען;
און ס׳ברענגען די שיפן עמיגראַנטן צום ברעג
פון איבער אַלע וועלט-אָקעאַנען!...

און ס׳וואַקסט אויך די ליבע די שטאַרקע אין ברוסט
ביי מאיר לעווינען דעם טרוימער;
דער פרייער אַמעריקע צו היטן, באַשיצן
און ווערן איר געטרייסטער שומר!...

און שטענדיק זיין גרייט אויפן רוף פונעם לאַנד,
באַשיצן די היים און דאָס פאָלק און די פאָן;
פאַר יעדן שפאַן ערד, פאַר דער פרייהייט פון לאַנד —
שטעלן זיין לעבן אין קאָן!...

יוגנט

מאיר לעווין אַלס אינגעלע

מאירל וויל אַ פליער ווערן —
וועט ער טאַקע אַ פליער זיין;
גייט ער אַ מעכאַניק ווערן —
אין „ברוקלין-טעק" איז מאיר אַריין!...

געלערנט זיך ביי שרויפן און שרייפלעך —
צענעמען, צוזאַמענשטעלן
און לאָזן אַ מאָטאָר אין לויפן —
פאַרריכטן מאַשינען-געשטעלן...

און שניצט ער מאָדעל-עראָפּלאַנען —
איז אַ חיות אַ קוק טאָן אויף זיי;
מאירל וויל אַ פליער ווערן —
וועט ער טאַקע פליען אין זיי...

און אַוועק לויפט אַ יאָר און אַ יאָר נאָך אַ יאָר —
די וואָנצעלעך שפּראָצן; מיט מזל און גליק
געענדיקט האָט מאיר זיין „ברוקלין-טעק" שול
און זוכט שוין אַ פּלאַץ אין אַ גרויסער פאַבריק...

דאָ נעמט מען ניט אָן און דאָרט זאָגט מען אים אָפּ —
עס איז דאָך זיין נאָמען גאָר „מאיר לעווין";
ער קאָן ניט באַגרייפן, ער קאָן ניט פאַרשטיין
וואָס מען וואַרפט זיך מיט אים, אַהער און אַהין!...

— „דו בײַט דײַן נאָמען — אים עצהט אַ פרײַנט —
װעסטו גרינגער אַ פּלאַץ זיך געפינען;
מיט אַזאַ אידישן נאָמען װי „מאיר לעװין"
װעסטו צו גאָרניט ניט קומען!..."

דעם נאָמען זיך בײַטן? פאַרװאָס און פאַרװען?...
ער איז שטאָלץ מיט זײַן אידישן נאָמען!
פאַרלײקענען װעט ער קײנמאָל זײַן שטאַם
און אויך ניט זײַן אידישן נאָמען!...

דאָס איז מײַן לאַנד, מײַן אַמעריקע, מײַן הײם —
אַ זון אַ געטרײַער בין איך;
איך דאַרף ניט, איך טאָר ניט, איך װעל ניט פאַרבײַגן
מײַן אָפּשטאַם, מײַן נאָמען, מײַן „איך"!...

איך און מײַן טאַטע, מיר זײַנען „אַמעריקע" —
און יעדער װאָס שאַפט דאָ מיט שװײס און מיט מי;
אַלע דאָ זײַנען מיר בירגער פון פרײַהײט —
דערפאַר האָט מען טאַקע געקעמפט אָט דאָ הי!...

און כאָטש מיט דער „מײַפלאַװער" זײַנען מיר ניט געקומען,
בײַ דעם ערשטן „טהענקסגיװינג" נאָך ניט געװען;
נאָר גרײט זײַנען מיר פאַרן לאַנד אָפּצוגעבן
דאָס בעסטע — די נשמה אַלײן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואַקסט שטאָלץ דער ציפּרעס-בוים אָט דאָ אין מיין לאַנד—
נאָר שטאָלצער די זין און די טעכטער;
פאַרהילכן די טאָלן, צעקלינגען זיך בערג
פון זייער געזונטן געלעכטער...

אין פּאַרקס דאָ צעבליען זיך רויזן און טוליפּס
און טויזנטער פּרעכטיקע בלומען;
אַזוי-אָ דאָ בליט די יוגנט פון לאַנד
די דורות וואָס דאַרפן ערשט קומען!...

אין ציט-זשע די סטרונעס — גיטאַרע שפּיל העכער —
זאָל ברענען דער טראָט אונטער יעטווידן טריט;
אַ בחור אַ ברען איז מאיר געוואַקסן —
געזאַנג אין די אויגן, אַ וויץ אויף זיין ליפּ...

און זינגט ער זיך צו ווען, אַזוי-אָ אַ לידל —
בלייבט שטום דאָרט דער פויגל אויף צווייגל פון בוים;
און גייט ער אַ טענצל, אַזוי-אָ אַ האָראַ —
טאַנצט מיט אָט דאָס וועלטל אין הימלישן רוים...

מאיר קאָן זינגען און טאַנצן און טרוימען
און וויצן דערציילן און לאַכן ביז גאָר;
אין לאַכן צעלאַכט זיך זיין פול מויל מיט ציינער —
און ס׳לאַכן אַפילו, זיינע העל-בלאָנדע האָר...

סביבה

שמואל און שרה לעווין

סביבה

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט —
אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט;
צוזאַמען, צוזאַמען — די פאָן איז שוין גרייט —
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!..."

פון ווילנער ישיבה, פון שווערע גמראס
איז געקומען דער טאַטע צום אידישן „בונד";
אַ קעמפער געוואָרן מיט גליענדע אויגן,
מיט פייער אין וואָרט און ליבע צום פאָלק...

אַ יונג מיט אַ פּלייצע, אַ יונג מיט אַ שטימע —
געבראַכט צו די מאַסן זיין האַרץ און זיין ליד;
סטרייקס אָנגעפירט דאָרט — צאָרן צעצונדן
און מוטיק געקעמפט דאָרט אַלס „מענטש" און אַלס „איד"!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט „אָכראַנקע" *) גוט געקענט די קעמפער —
ס'האָט „אָכראַנקע" געהאַט אויף זיי אַן אויג;
האָט מען „אָבלאַוועס" **) יעדע נאַכט געפּראַוועט —
די בעסטע זין, פאַרשיקט זיי אויף „סיביר"...

*) אָכראַנקע — רוסישע געהיים-פּאָליציי.
**) אָבלאַוועס — פּאָליצייאישע איבערפאַלן.

נאָר ניט געשראָקן האָבן זיך די קעמפער,
ניט פאַרלאָזט די אַרבעט פאַר דער „זאַך";
אין „מאַיאָווקעס" *) צענדליקער געגאַנגען —
אויף „סכאָדקעס" **) הונדערטער — געוועז...

העי, ס'אַ צייט אַ בראַנדיקע, אַ הייסע —
מיט „זאַבאַסטאָווקעס" ***) פול געווען דאָס לאַנד;
וויפיל קעמפער האָט מען דאַן געהאַנגען —
און וויפיל געפאַלן אויף סיבירער וועג!...

פון „אָכראַנקעס" נעגל איז ער, שמואל, אַנטלאָפן —
אין לאַנד דאָ געקומען מיט ליידיקע הענט;
אַן אַרבעטער געוואָרן אין אַמעריקאַנער שעפער
און געטריבן, געיאָגט די אַלטע מאַשין...

נאָר אָפּגעהיט דאָס פייער אין זיין האַרצן —
און געקוויקט זיך מיט אַ אידיש ליד;
מיט ווינטשעווסקים לידער די מאַשין געטריבן —
מיט ראָזענפעלדס ליד זיין דאָרשט דאָרט געקילט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

*) מאַיאָווקעס — מאַי-דעמאָנסטראַציעס.
**) סכאָדקעס — געהיימע מיטינגען.
***) זאַבאַסטאָווקעס — סטרייקס.

עמיגראַנטן שיפן וואַנדערן אויף וועגן —
וואָכנוויז געשלעפּט זיך אויף דער צווישן-דעק;
ים-קראַנקהייט געליטן, לעבן אין סכנה —
קוים וואָס מ׳האָט דערלעבט שוין, צום אַטלאַנטיק ברעג...

שמואל און לאה זיינען קיין אַמעריקע געקומען,
אָט דאָ זיך באַזעצן אין גאָלדענעם לאַנד;
מיט הייסע חלומות פאַררינגלט אין האַרצן,
מיט טרוימען צעבליטע אין גינגאָלד פון זון...

אַן אַרבעטער געוואָרן, אין „סוועט-שאַפּ״ געאַרבעט,
געסטרייקט און געקעמפט דאָ ביטער און לאַנג;
באָוושאָווערס לידער ביי דער אַרבעט געזונגען —
ראָזענפעלדס „אינגעלע״ אין ביינאַכטיק געזאַנג...

באָוושאָווערס ליד ביי דער אַרבעט געזונגען
אין לויף פון דער אַרבעט, אין רויש פון מאַשין;
און סע מישט זיך צוזאַמען די ליד מיטן טומל —
און העכער פון אַלע, זינגט סעמי לעווין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז מאירל געוואַקסן מיט ליבע צו אַרבעט —
מיט ליד און לעגענדעס פונעם אַלטן אַמאָל;
פון טאַטע-מאַמע האָט ער דאָך געלערנט זיך
אידישע מעשיות — אַן אוצר אָן אַ צאָל...

מאַרטירער-לעגענדעס פון ספרים די אַלטע —
מאַרטירער-לעגענדעס פון איצטיקער צייט ;
פון נאַצים, וואָס קוילען די אידן ווי רינדער —
האָט מאיר דערפילט דעם וויי פון דער ווייט !...

האָט מאיר לעווין דערקענט זיין באַרוף דאָ !
האָט מאיר דערהערט דעם וויטיק-געשריי ;
אַ פרייוויליקער האָט ער זיך אין גיכן פאַרשריבן —
אַ סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי !...

מאיר לעווין אַלס סאָלדאַט

טרובאַדור פון די טאָלן און באַרד פון די בערג,
נעמט שנעל די גיטאַרע אין האַנט;
און שפּילט מיר דאָס ליד מיט פייער און פלאַם
פון דעם אידישן העלד פון מיין לאַנד!...

זאָלן דורות נאָך דורות געדענקען
און קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם העלד;
זאָלן מאַמעס די קינדער פאַרוויגן
מיטן ליד פון די זאַנגען אין פעלד...

פעט איז די ערד פון מיין לאַנד דאָ
מיט פעלדער מיט קאָרן און ווייץ;
שפּילט העכער! זינגט שטאַרקער —
שפּילט פעסטער מיט ברען און מיט רייץ!...

זאָלן טאַטעס און מאַמעס און זיידעס —
זקנים און בליענדע זין
פאַרנעמען און איבערדערציילן
די באַלאַדע פון „מאיר לעווין"!...

און ווי ס׳וועט די זון נאָר אויפגיין דאָ
ביז ס׳וועט זיך זעצן די זון —
זאָל זי אין זוניקע שטראַלן
זינגען פון העלדישן זון...

און ווען מאַמעס די פּיצעלע קינדער
פאַרוויגן אַהער און אַהין —
זאָלן זיי מעשיות זיי דערציילן
פונעם פליער „מאיר לעווין״!...

ווער קאָן פילן ווי ס׳פילט דאָס האַרץ פון טאַטע-מאַמע,
ווען מען געזעגנט זיך מיט אייגן פלייש און בלוט,
מיט אייגן האַרץ און אייגענער נשמה —
ווען יונגער קאָפּ פון זון, אויף דיינע אַקסלען רוט?...

ווער קאָן אָפּשטעלן די טרער פון טאַטע-מאַמעס אויג,
ווען ס׳וויינט דאָס האַרץ, ווייל זון גייט איצט אַוועק?
ס׳האָבן מיינע ווייסע-בלויע ליפּן קוים געשעפּטשעט:
„גיי, מיין זון, און קום בשלום מיר צוריק פון שווערן וועג!״

זיכער האָט דאָס האַרץ פון זיידע אברהם,
וואָס האָט זיין יצחקן צו דער עקידה געפירט,
אויך אַזוי געפילט און אויך אַזוי געצאַפּלט זיך אין פּיין —
ווי ס׳צאַפּלט זיך מיין האַרץ אין טיפן ווייטיק אָנגערירט!...

וויין ניט, האַרץ! כ׳בין ניט דער ערשטער און אויך ניט
דער לעצטער,
וואָס האָט אַזוי זיין ליפּ צעביסן היינט מיט ציטערדיקע ציין;
גיי, דו יונגער, פרייער אָדלער מיינער, לאַנד מיינס היינט
באַשיצן
און קום בשלום און געזונט מיר אויך צוריק אַהיים!...

גיי, מיין זון, נקמה נעם פאַרן אידיש פאָלק —
באַשיץ דיין לאַנד און היים, מעק אָפּ דעם זכר פון פאַשיסטן
אויף דער וועלט !
און שטאַרק זאָל זיין דיין האַנט אויף שונאס לייב און לעבן,
און קום צוריק אַ זיגער, אַ באַפרייער און אַ העלד !...

אַ שאָד, וואָס כ׳בין צו אַלט צו זיין דיין וואָפן-טרעגער —
ווי ר׳ עקיבא וואָלט איך מיטגעגאַנגען איצט אין קריג ;
גיי, מיין זון, מיט בר-כוכבאס ליד אויף דיינע ליפּן
און קום צוריק מיט ליד פון ענדגילטיקן זיג !...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַמאָלן האָט פראָסט שוין
מיין פענצטער מיט בלומען ;
אָ, זון מיינער, זאָג מיר —
ווען וועסטו קומען ?...

פראָסט אויף מיין פענצטער.
נאַכט אַזוי שוואַרץ ;
מורמלט אַ תפילה
מיין צאַפּלדיק האַרץ...

— — — — — — — — — —

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט און באַשיץ היינט מיין זון אויף זיין וועג;
דערשלאָגן דעם שונא דו העלף אים, אָ פאָטער,
און ברענג אים צוריק אין די זוניקע טעג...

דו ברענג אים צוריק אַ געזונטן, אַ שטאַרקן —
ווי ער איז ערשט נעכטן אַוועק אינעם קריג;
העלף אים אויסמעקן דעם זכר פון נאַצים
און ברענגען דער וועלט גיך, אַ זיגרייכן זיג...

אינעם חורבן פון פעלקער און לענדער אָט איצטער —
שרייט העכער דאָס בלוט און דער פיין פון מיין פאָלק;
איז ער געגאַנגען, מיין זון, מיין באַפרייער —
די וועלט איצט באַפרייען, זיין היים און זיין פאָלק.

טאָ העלף אים נקמה צו נעמען וואָס גיכער —
אויסמעקן דעם זכר פון נאַצים אויף וועלט;
ווי דו האָסט געהאָלפן די מכבים, בר-כוכבאס —
אַזוי-אָ דו העלף אים באַפרייען די וועלט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַמאָלן האָט פראָסט שוין
מיין פענצטער מיט בלומען;
אָ, זון, מיינער, זאָג מיר —
ווען וועסטו קומען?!...

אַ בריוועלע שרייב איך דיר איצטער,
אָ זון אינעם דינסט פון מיין לאַנד;
ס׳שטייט יעדערער דאָ ביי זיין פּאָסטן —
ס׳איז „היים-פראָנט" אַ שטאָלענע וואַנט!

ס׳טוט יעדער זיין אַרבעט בשלמות —
שטייט יעדער אַ שומר ביים פּאָסט;
מיט אומגעדולד, טאָג-טעגלעך מיר וואַרטן
אויף דיין „פּוירלאָו" צו קומען אונדז זען...

איז שרייב איך אַ בריוועלע, זון, דיר:
זיי מוטיק, זיי שטאָלץ און זיי בראַוו;
ס׳איז בעסער אויפן שלאַכטפעלד צו פאַלן —
איידער ביים נאַצי — אַ שקלאַוו!...

כ׳ווייס, אַז דו ווילסט דאָרט אַלץ וויסן:
אַלץ איז דאָ רואיק און שטיל;
דיינע אַלע חברים?... — סאָלדאַטן!
אויף גאַסן?... — קינדער אין שפּיל...

איז ענדיק איך איצטער מיין בריוול —
זיי מוטיק, זיי שטאָלץ און זיי בראַוו;
ס׳איז בעסער פאַר פרייהייט צו שטאַרבן —
איידער צו לעבן אַלס שקלאַוו!...

אַ שטול ביי מיין טיש שטייט היינט ליידיק —
אַ שטול ביי מיין טיש היינט — פאַרלאָזט;
דער ליידיקער שטול ביי מיין טישל
אַ בענקשאַפט אין שטוב האָט היינט צעבלאָזט...

און שווייגט ער, דער שטול ביי מיין טישל
און מאָנט מיט זיין ליידיקן בליק —
נאָגט טיפער מיין בענקשאַפט די הייסע,
בריט הייסער, דער ליידיקער בליק...

אָ, ליידיקער שטול ביי מיין טישל —
נאָך וואַרעם זיין זיצפּלאַץ אויף דיר;
פאַרמאַך איך די אויגן און זע אים
ווי ער זיצט דאָ,ביים זייט, לעבן מיר...

פאַרבייס איך די ליפּן ביז ווייטיק
און שמייכל אין ליידיקן רוים;
דאָך זע איך — אין אויג פון דיין מוטער
די טרערן, וואָס האַלטן זיך קוים!....

אָ, זון אויפן ווייטן פּאַסיפיק —
אָ, זון אינעם דינסט פון מיין לאַנד —
סאַלוט דיר, סאָלדאַט, פאַר באַפרייען
די וועלט פונעם פייער און בראַנד...

ס׳איז דיינער דער שטול ביי מיין טישל —
ער וואַרט אויף דיר, זון מיינער, זון;
אַ העלד פונעם קריג זאָלסטו קומען —
אַ ז י ג ע ר מיט פרייד און מיט זון!...

ס׳שטייט צוגעבעט דיין בעט, מיין זון, אין צימער דאָ —
פון יענעם טאָג, ווען אויפן רוף פון לאַנד — ביסטו אַוועק;
און חלומט שטום, פאַרבענקט דאָרט טאָג און נאַכט
און ציילט די ווייסע, שלאָפלאָזע נעכט מיט שרעק...

און פאַלט מיין בליק אין שפּעטער נאַכט-שעה, ווען
אויפן צוגעבעטן בעט אין צימער דאָ ביי מיר —
גייט אויף מיין אומרו פון מיין ציטערדיקער בענקשאַפט
און צאַפּלט זיך אַזוי נאָך דיר, נאָך דיר!...

זיכער זינגט נאָך היינט דיין צוגעבעטע בעט
דאָס ליד פון פרישער וואַרעמקייט פון דיין געביין;
ווען מיר אין צווייען אונדזער פלאַטערדיקע בענקשאַפט,
דיין צוגעבעטע בעט . . . און איך אַליין...

ליגט נאָך אין די פאַלדן פונעם ליילעך איינגעפּרעסט דיין
לייב —
אויפן קישן — אפשר אויך דיין שמייכל פון אַ טרוים אין
נאַכט ;
און שלאָפן אַלע שוין אין הויז אויף די געלעגערס —
שטייט דיין צוגעבעטע בעט אין צימער, וואַך נאָך וואַכט !

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳שטייט צוגעבעט דיין בעט, מיין זון, אין צימער דאָ
פון יענעם טאָג, ווען אויפן רוף פון לאַנד, ביסטו אַוועק ;
און חלומט שטום, פאַרבענקט דאָרט טאָג און נאַכט
און ציילט די ווייסע, שלאָפלאָזע נעכט, מיט שרעק !...



מאיר לעווין אַלס באָמבאַרדיר

אַ פאַלק מיינס אין טרערן, אַ פאָלק מיינס אין פיין —
אַלט פאָלק מיינס פאַרהאַסט פון דיין וויגעלע-וויג —
(שטאַרק זיך און טרייסט זיך; געטרייסט זאָלסטו זיין!)
שפין ווייטער לעגענדעס פון קאַמף און פון זיג!...

שפין ווייטער דעם פאָדעם פון אַלטע לעגענדעס —
זינג פון בר-כוכבא אין קאַמף קעגן רוים;
שפיל מיר דאָס ליד פון יהודה המכבי —
אַלטע לעגענדעס פון אידישן טרוים...

מוטיקע קעמפער פון אידישן אָפשטאַם —
הירש לעקערט און באָטווין און קעפי מיין פריינט;
און טויזנטער העלדן אויף שפאַנישע פעלדער —
שפילט אויס די לעגענדעס פון נעכטן און היינט...

די פרישסטע לעגענדע, ציט אויס זי מיט ציטער —
זאָל פלאַטערן האַרץ, ווי אַ באָמבער-מאַשין;
צו שטאַרק נאָך דער ווייטיק; די וואונד נאָך אַ פרישע —
די לעגענדע פון „מאיר לעווין״!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשטע פרילינג-יאָרן בליען אויף זיין פּנים —
ערשטע טרוימען אין זיין אָדלער-בליק;
ווער-זשע האָט געקאָנט אויף דעם זיך ריכטן,
אַז פאַלן וועט ער אַזוי יונג, אין קריג!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך זע דיך, אַ מאַמע, ביים גאָט פון אברהם
אין שבת פאַרנאַכטן באַצירטע אין בלוי...
„ס'זאָל קומען די וואָך מיט געזונט און פּרנסה!" —
מיט אויגן פאַרוויינטע דו בעטסט אָט אַזוי...

ס'איז שבת פאַרנאַכט אָט איצט אין מיין באַמבער,
מאַטאָרן איצט רוישן, קאַנאָנען אין קראַך;
אַרום און אַרום און אַרום אויפן הימל
דעם שונאס מאַשינען מיט אונדז דאָ אין שלאַכט...

ס'איז נאַכט שוין, אַ מאַמע, אויף די פיליפּינער אינדזלען —
דער הימל אין פייער, מאַשינען אין פלאַם;
פון באַמבער, פון מיינעם, אין פייער און פלאַמען
שיק איך דיר, מאַמע, מיין גרוס היינט אין פלאַם...

אָט איצטער, אַ מאַמע, ווען זין דיינע גייען
מיט צאַפּלדיק לעבן באַשיצן דאָס לאַנד —
ניט וויין מער, אַ מאַמע, נאָר ווינטש דיינע קינדער
דעם שונא אָפּמעקן מיט קרעפטיקער האַנט!...

דער שונא, וואָס וויל אונדזער לעבן באַרויבן,
וואָס מיט גאַליקער שנאה פאַרסמט ער מיין לאַנד ;
אָ מאַמע, אָ מאַמע, דו בענטש דיינע קינדער,
וואָס גייען באַפרייען די וועלט היינט אין בראַנד !...

ווי דבורה הנביאה מיט טאַצן און פויקן,
מיט מונטערע לידער צום ענדגילטיקן זיג —
אַזוי-אָ, אָ מאַמע, וויל איך דיך זען היינט
באַגלייטן די זין איצט מיט שונא אין קריג !...

ס׳וועט בענטשן דיך, מאַמע, די וועלט די באַפרייטע
און לידער דיר זינגען פאַר קינדער אין וויג ;
ווייל ס׳וועלן די זין דיינע — אָ אייביקע מאַמע —
די מענטשלעכע פרייהייט אויסקעמפן צוריק !...

אַזוי האָט דער זון צו זיין מאַמען געזונגען —
מיט באָמבעס געהאָגלט אויף שונא אין שלאַכט ;
געקעמפט מיט יאַפּאַנישע באָמבער מאַשינען
און שטענדיק זיין באָמבער צו זיין באַזע געבראַכט...

דריי טעג נאָך דעם וואָס יאַפּאַן איז אונדז באַפאַלן —
(אַ חורבן אָנגעמאַכט אין „פּוירל-האַרבאָר״!)
האָט מאיר זיך באַוויזן אויפן פיליפּינער הימל
אין זיין שטאָלענעם באָמבער-שפּאַרבער...

געפירט דעם עראָפּלאַן האָט „קאָלין קעלי״,
מאיר לעווין — באָמבאַרדירער;
דעם שונאס שיף „האַרונאַ״ האָט מען דאָרט צעשמעטערט,
איז קאָלין קעלי אויך געפאַלן דאָרט מיט איר!...

זינג־זשע טרובאַדור און שפּיל אויף דיין גיטאַרע
ליד פון קאָלין קעלי, ערשטער העלד אין קריג;
זאָל די וועלט אים קענען, זאָל די וועלט אים וויסן
און ניט פאַרגעסן אים אין טאָג פון זיג!...

פון די בלויע הימלען, פון די הויכע רוימען
האָט ער זיך געלאָזט אויפן שונאס שיף;
ער האָט איר באַהאָגלט, ער האָט איר צעצונדן —
אַראָפּ מיט איר צוזאַמען אין פּאַסיפיקס טיף...

זינג-זשע טרובאַדור און שפּיל אויף דיין גיטאַרע
ליד פון ערשטן העלד אינעם ערשטן שלאַכט;
זאָלן אַלע דורות זינגען, איבערזינגען
ליד פון קאָלין קעלי, העלד פון ערשטער שלאַכט!

ווי בליצן אין שטורעם פאַרשפּרייטן זיך נייעס —
איבער נאַכט האָט דאָס לאַנד און די וועלט שוין געוואוסט;
קינדער אין וויגן און אַלטע זקנים —
איבערנאַכט איז דער העלדישער קעלי געוואָרן באַוואוסט.

צוזאַמען מיט אים אויך, דער העלדישער מאיר,
וואָס געראַטעוועט האָט זיך פון באָמבער אין פלאַם;
ס'האָט געלויכטן זיין נאָמען מיט אותיות גרויסע:
דער ערשטער אַמעריקאַנער העלד פון מיין שטאַם...

געקריצט מיט די ציין האָבן אונדזערע שונאים
פון דעם אידישן נאָמען מאיר לעווין;
האָבן אונדזערע הערצער ווי טויבן געפלאַטערט
ווען באַוויזן האָט ער זיך אין זיין באָמבער-מאַשין!



קאָלין קעלי

דער פּאַסיפישער הימל קאָן מעשיות דערציילן
פון מוטיקער בראַוקייט מיט שונא אין שלאַכט;
שונאס עראָפּלאַנען וויפיל דאָרט צעשאָסן —
און וויפיל פאַרברענט אין דער פּאַסיפישער נאַכט!...

ווי בליצן אין שטורעם פאַרשפּרייטן זיך נייעס —
איבער נאַכט האָט דאָס לאַנד און די וועלט שוין געוואוסט;
קינדער אין וויגן און אַלטע זקנים —
פון מאיר לעווינען זיך אַלע דערוואוסט!...

אַכט און זעכציק מאָל האָט ער דעם שונא באַהאָגלט —
אין אַכט און זעכציק שלאַכטן געווען מיט זיין מאַשין;
איז זינגט — אַז די בערג זאָלן זיך טרייסלען אין ציטער —
די באַלאַדע פון מאיר לעווין!...

טרובאַדור פון די טאָלן און באַרד פון די בערג,
וואָס שטומט די גיטאַרע ביי אייך אויף די קני?...
אַריבער דעם טומל פון טאַנקען, קאַנאָנען
הייבט אויף אייער ליד פון אַרבעט און מי...

רייך איז די ערד דאָ מיט אוצרות אַ פולע —
מיט אויל־קוואַלן טיפע, מיט מינען פון גאָלד;
מיט קופּער און אייזן און קוילן אין שאַכטעס —
מיט ווייץ אויף די פּעלדער ווי זוניקער גאָלד...

מיט קאָרן און „קאַטן", טאָבעקאָ און גרינסן,
און ביימער מיט פּירות און טרויבן מיט ווייַן;
און אומעטום קלינגט עס — צעקלינגט איבער וועלטן
לידער פון אַרבעט און זוניקער שייַן...

עס קלינגט פון די וועלדער דאָס ליד פון די זעגן,
אין גרויסע פאַבריקן — סירענעס אין פייַף;
און טראַקטאָרס צעאַקערן פעלדער באַזונטע
און שניידן די תבואה אין צייַטיקן רייַף...

און שיפן און באַרזשעס צעפירן די שפע
אַריבער די ימען צו לענדער אין נויט;
און „סטרימליינער" באַנען די שנעלסטע אין לויפן
פאַרהילכן די טאָלן און פעלדער פון לאַנד.

לידער פון פראַצע, פון מי און פון אַרבעט —
אומעטום זשומעט הודאָק און מאַשין;
איז איבערן ליד דאָ פון אַרבעט און פראַצע
דערהייבן זאָל ליד זיך פון מ א י ר ל ע וו י ן.

אויף אַ פלי-פעלד ערגעץ אין אויסטראַליע
רייט דער פאַרנאַכט שוין אַראָפּ אויפן פעלד;
ס'זשומען מאָטאָרן פון באָמבערס
אין נאַכטיקן בלויען פליער-געצעלט...

שטייט גרייט שוין אַ באָמבער צום פליען,
דעם שונא אויסשפּירן פון ווייט;
ס'האָט יעדער זיין פּאָסטן פאַרנומען
אַרויסצופליען אין צייט...

נאָר איינער ניטאָ נאָך ביים פּאָסטן —
דער באָמבאַרדירער — ניטאָ ער, ניטאָ!
און ס'ציט זיך דאָס וואַרטן און וואַרטן —
ס'איז יעדע מינוט איצט — אַ שעה...

— „דער באָמבאַרדירער וועט היינט ניט פליען" —
ציט אויס דער „קאָמענדער" זיין וואָרט;
„ער איז פּלוצלונג קראַנק היינט געוואָרן —
איז ווער וויל פאַרנעמען זיין אָרט?"

„מאַיק" איז אויף „פּוירלאָו" גאָר איצטער —
אָבער „מאַיק" הייבט דער ערשטער זיין האַנט;
ער קריכט שוין אַריין אינעם באָמבער —
פאַר דער פאָן, פאַרן לאַנד!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט אַזאַ בלויע און שטיל דער אָקעאַן
און איבער אים טראָגט זיך דער באָמבער-מאַשין;
אויסגעשפּירט האָט ער וואו שונא געפינט זיך —
דערגרייכט זיין שליחות האָט מאיר לעווין...

עס קערט זיך דער באָמבער צוריק שוין אַהיים
און ס'איז האַרץ ביי דער מאַנשאַפט אַזוי פריילעך און גרינג;
נאָר פלוצלונג בלייבן שטום די מאָטאָרן אין זשום,
ס'בלייבט הענגען דער באָמבער אין לופט...

ווי אַ פאַרוואונדעטער אָדלער פלאַטערט דער באָמבער
איבער ריזיקע שפיצן פון באַבוימערטע בערג;
די האַנט די גענייטע פון דערפאַרענעם פילאָט
זוכט ברענגען דעם באָמבער אויף אַ פעלד ערגעץ-וואו.

און נאַכט איז אַ שוואַרצע, ס'איז שפעט אין דער נאַכט,
אין פינצטערן חושך דער באָמבער געהילט;
ווי אַ דערשאָסענער פויגל פאַלט ער און פאַלט
און פאַלט מיט אַ קראַך אויף די שפיצן פון וואַלד...

דער אוראַלטער וואַלד פון באַבוימערטן באַרג
האָט זיך פלוצלונג צערעוועט, צעדונערט אין שלאָף;
צעוויגט זיך, צעטרייסלט, צעברומט זיך מיט כעס —
ווער האָט אים צעשטערט זיין סעקולאַרן שלאָף?...

טיפע נאַכט. דער חושך איז גרויס.
נאָר מאיר לעווין איז פון באָמבער אַרויס.
אַרונטערגעשפרונגען לעבעדיק, פעסט
און אַריינגעזונקען אין אַ מוראַשקעס נעסט...

מאיר לעווין צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט
ביי דעם באָמבער-עראָפּלאַן

גרויסע מוראַשקע, די נעסט ווי אַ באַרג —
האָבן זיי צעביסן זיין פּנים און קאַרק...
נאָר מאירן אַרט ניט, ער איז מיד און פאַרטראַכט —
ער זוכט מיט די אויגן אין חושך פון נאַכט...

אַרום און אַרום און אַרום און אַרום
באַבוימערטע בערג, קיין שאָרך ניט, קיין ברום;
נאָר פלוצלונג האָט מאיר דערזען אַ שיין,
וואָס האָט געפינקלט אין חושך אַריין...

האָט ער געלאָזט זיך נאָכן פינקל פון שיין,
אין פינצטערן חושך וואַלד-אויס און וואַלד-איין,
דערגאַנגען, געטראָפן ביים שטיבל ביים וואַנט
אַ פאַסטוך דאָרט זיצן מיט אַ לעמפל אין האַנט...

האָט מאיר דערציילט אים: אַזוי און אַזוי
געטראָפן מיט אים האָט אין נאַכטיקן גרוי...
האָט פאַסטוך אין שטיבל פאַרבעטן דעם גאַסט
און אויפגענומען אים דאָרט אַזוי ווי עס פאַסט...

אים עסן און טרינקען געגעבן צו זאַט,
וואָס ר׳האָט נאָר געטראָפן, וואָס ר׳האָט נאָר געהאַט;
האָבן ביידע פאַררויכערט די ליולקעס אויף גיך
און דאָס קעראָסין-לעמפל גענומען מיט זיך,

און געלאָזט זיך צוריק מיטן פאַסטוך אַהין,
וואו ס׳איז הענגען געבליבן זיין באָמבער-מאַשין —
און איינציקווייז אַלע באַפרייט פון דאָרט
מיט ליד אויף די ליפן און חבריש וואָרט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאַכט האָט געחלומט, געדרימלט די נאַכט,
ווען מאיר האָט אַלע צום שטיבל געבראַכט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און געהערט האָט די נאַכט — די אויסטראַלישע נאַכט —
ווי מ׳האָט זיך געקושט און געהאַלדזט און געלאַכט;
און געבענטשט האָט די נאַכט ביז טאָג האָט געשיינט
דעם האַרציקן חבר, דעם האַרציקן פריינט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

העי, באַרדיטשעווער בדחן און סטעמפעניו-קלעזמער —
חזנים איר גרויסע מיט שטימען צעהעלט,
זינגט העכער, זינגט שטאַרקער — באַזינגט היינט אין טרערן
דעם פריצייטיקן טויט פונעם אידישן העלד!...

אָ, אַלטער מאַרשאַלעק, פלעכט אויס היינט אין גראַמען
די נייסטע לעגענדע פון נאָענטסטן אַמאָל;
מיין קאָפּ היינט — געבויגן אין פיין און אין ווייטיק —
מיין האַרץ היינט זיך צאַפּלט ווי אַ פיש אויף אַ שאָל...

דו שׂרה בַּת טובים, שרייב אָן היינט אַ תּחינה,
צו לייענען איר פּרייטיק פאַר ליכט-בענטש אין הויז;
דערמאָנען מיט ציטער אין האַרצן דעם נאָמען,
מיט יראת-הכבוד דערמאָנען אים בלויז...

און דו, מוטער רחל, אין דיין אייביקן קלאָגן,
פאַרגעם ניט פאַר אים אויך, דאָרט לאָז אַ טרער;
ווען דו וועסט שוין מערער ניט קאָנען פאַרטראָגן —
ווען דער צער פאַר דיין פאָלק וועט דיך פּרעסן צו שווער...

העי, באַרדיטשעווער בדחן און סטעמפּעניו-קלעזמער —
חזנים איר גרויסע, מיט שטימען צעהעלט,
זינגט העכער, זינגט שטאַרקער — באַזינגט היינט אין טרערן
דעם פּריצייטיקן טויט פונעם אידישן העלד!...

און ווידער געווען איז אַ נאַכט אין די שלאַכטן —
מ'האָט ווידער באַדאַרפט אויף אויסשפּיר אַוועק;
נאָך אַמאָל האָט ווער געפעלט זיך באַווייזן,
דעם באָמבער צו פירן אין ביינאַכטיקער שרעק...

שפּאַצירט האָט זיך מאיר לעווין אויפן לופט-פעלד,
אַ גליקלעכער שמייכל אויף זיין פּנים צעשפּרייט;
מאָרגן, אַ מאָרגן — דער גליקלעכער מאָרגן —
די זאַכן פאַרפּאַקט שוין, אַלץ צוגעגרייט...

די שיף וואַרט געאַנקערט און גרייט שוין ביים ברעג —
זי דאַרף אים אויף „פּוירלאָו" דאָך ברענגען אַהיים;
מאָרגן, אָ מאָרגן — דער גליקלעכער מאָרגן,
וואָס ברענגען וועט אים צו דער שוועל פון זיין היים...

שפּאַצירט ער אַרום איצט ביים ברעג פון פּאַסיפיק
און ס'זינגט זיך אין האַרץ אים אַן אַלטער געזאַנג;
זיין טאַטע, אַמאָל, האָט די ליד אים געלערנט דאָך —
יהודה-הלוים ימען-געזאַנג:

„כ'האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ'האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן:
טראָג מיך, ים, צו מיין מוטערס שויס...

און דו, מערב-ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג —
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער-פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר פּלוצלונג שניידט דורך אַ רוף דורכן פעלד,
אַ רוף אַזאַ שאַרפער, אַ קלאָרער צום ציל;
— „אַ פרייוויליקן באָמבאַרדירער דאַרפן מיר האָבן,
איז ווער וויל זיך מעלדן אָט איצטער, אָט שוין!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווי מאיר לעווין האָט דעם רוף נאָר באַנומען,
האָט ער זיך תיכף געמאָלדן, ער — מאיר לעווין;
אַרויפגעצויגן שנעל די פּליער־מלבושים
און פלינק ווי אַ קאַץ אַרויף אין מאַשין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געפלויגן, געפלויגן איבערן גרינעם פּאַסיפיק,
געזען און פאַרצייכנט וואָס מ׳האָט נאָר באַדאַרפט;
איז קערט מען זיך אום שוין מיט גרינגע געמיטער
און לייכט פליט דער באָמבער אין דער פינצטערער נאַכט.

נאָר אָט באַקומט יעדער צו וויסן אין באָמבער,
אַז אויסגעלאָזן האָט זיך דער גאַז אינעם טאַנק;
צוויי פון די מאָטאָרן הערן אויף שוין צו זשומען
און דער דריטער קוים זשיפעט — ער אַרבעט שוין קוים...

די מאַנשאַפט אין באָמבער — אַ יונגינקע, גרינע —
ערשט פון די שול־בענקלעך אַרויס צו דער וועלט;
אַ שרעק איז זיי אַלע באַפאַלן — אַ פּחד —
און זיי טרייסלען זיך אַלע פון שרעק אין אַ קעלט...

נאָר מאיר לעווין איז דער עלטסטער אין יאָרן,
נאָר מאיר לעווין — דער דרייסטער אין נויט;
באַפעלט ער: אַרונטערצולאָזן זיך פאַמעלעך, פאַמעלעך,
אַזוי אַרום אויסמיידן אַ זיכערן טויט...

לאָזט זיך דער באָמבער אַרונטער פֿאַמעלעך
און פֿאַלט מיט אַ פּליעסק אויפֿן פֿלאַך פֿון אָקעאַן;
און ס׳וויגן זיך כוואַליעס ביז אונטערן הימל,
און ס׳רעוועט פּאַסיפֿיק אין שוימיקן שפּאַן.

אַ טייפֿון-ווינט פֿלוצלונג קומט אָן צו לויפֿן
און וואַרפֿט זיך מיט אימפּעט אויפֿן באָמבער-מאַשין;
ס׳דאַכט זיך, אַז אָט-אָט וועט ער ווערן צעשמעטערט
און שפּענער וועלן פֿליען אַהער און אַהין...

די מאַנשאַפֿט איז שטום דאָרט אין באָמבער געבליבן —
ס׳דאַכט זיך, ביי יעדן דאָס לשון אַוועק;
נאָר מאיר לעווין, מיט אַ וויץ אויף די ליפּן,
לאָזט זיך פֿון באָמבער אַרויס אויפֿן דעק.

ער בינדט אָפּ דאָס גומענע שיפֿל און לאָזט עס
אַרונטער אין שוימיקן וואַסער אין גרין;
באַפֿעלעריש רופֿט ער די יונגסטע פֿון מאַנשאַפֿט
און לאָזט זיי אַרונטער אין שיפֿל אַהין...

דער טייפֿון רייסט שטיקער און בלאָזט אָן רחמנות —
נאָר מאירן אַרט נישט דאָס בלאָזן פֿון ווינט;
ער טשעפּעט איצט אָפּ דאָרט, דאָס שיפֿל דאָס צווייטע
און לאָזט עס אַרונטער אין וואַסער געשווינד.

באַפעלעריש רופט ער אַרויס פונעם באָמבער
די איבערגעבליבענע צוויי פון מאַשין;
אַזוי האָט די מאַנשאַפט פון טויט געראַטעוועט
דער אידישער העלד: מאיר לעווין...

און ווען ער האָט, דער לעצטער, געוואָלט אַראָפּשפּרינגען
אין שיפל וואו מ׳האָט פאַר אים אַ פּלאַץ דאָרט געמאַכט —
האָט זיך דער טייפון אַזוי ווילד צעשריען,
ווי טויזנטער שדים אין דער פינצטערער נאַכט...

דעם באָמבער געריסן, די פליגל צעבראָכן
און מאיר לעווינען אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ;
אין אָפּגרונט געשליידערט אין שוימיקן, גרינעם —
געזונקען אים טיפער און טיפער אַראָפּ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאַכט האָט געזעגעט אין חושך געהילט
און טייפון געטאַנצט האָט מיט כוואַליעס אין שוים;
פּאַסיפיק וועט אייביק, פּאַסיפיק וועט שטענדיק
דערציילן דער וועלט פון אַ העלדישן טרוים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
און האָט פון פּאַסיפיק אַ גרוס אונדז געבראַכט;
אַ וועלט היינט אין פלאַמען, זאָלסט קיינמאָל פאַרגעסן,
ווי דער העלדישער מאיר איז געפאַלן אין שלאַכט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ האַרציקער חבר געווען צו חברים —
פאַר יעדן געזאָרגט אין צייטן פון נויט;
וויפיל קאַמעראַדן מיט זיין וואָרט געהאָלפן
און וויפיל געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט!...

ס׳האָט שטענדיק אַ שמייכל גערוט אויף זיין פנים
און תמיד אַ גוט וואָרט פאַרן צווייטן געהאַט;
אין דעם איצטיקן קריג האָט מאיר פאַרשריבן
דאָס שענסטע קאַפּיטל, דאָס זיבערססטע בלאַט!

און וואו ס׳האָט נאָר געפלאַקערט פלאַמיקער די שלאַכט
און וואו דער טויט-געפאַר האָט גרעסער אויסגעזען;
האָט ער זיך פון הימל-בלוי אַראָפּגעלאָזן —
איז ער שטענדיק אין דער ערשטער ריי געווען!

ענדלאָזער, בלויער הימל איבערן פאַסיפיק,
שוימענדיקע כוואַליעס פון ענדלאָזן ים —
פון אויסטראַליע ביז האַוואַיע-אינדזלען —
וויפיל נאָך לעגענדעס וועגן אים פאַראַן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— „געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פאַווע,
אַ גרוס אין איר שנאָבל פון וויטנס געבראַכט״;
ניט ציטער, גיטאַרע, אָ סטרונעס ניט פלאַצט היינט —
דער העלדישער זון איז געפאַלן אין שלאַכט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מעדאַלן פון זילבער, פון בראָנז און פון גאָלד,
„אָוק ליף קלאָסטער" און „סילווער סטאַר",
„דיסטינגווישד פלייאינג קלאָס" און „פּורפל האַרט" —
ווינען איצט אין פיין און טיפן צער...

ערגעץ אין אַ שאַכטל ליגן זיי באַהאַלטן,
פינקלען אין דער פינצטער אין זייער גלאַנץ און פּראַכט;
ערגעץ איבער ים׳ען פליען נאָך די באָמבערס,
צינדן זיך אין פלאַמען, ברענען אין דער נאַכט...

אַנדערע ביים רודער, באָמבאַרדירער נייע —
פרישע יונגע לעבנס פאַרן לאַנד — אין קאָן;
וויפיל נאָך אַזעלכע העלדן ועלן פאַלן?...
פלאַטער העכער, פלאַטער שטאַרקער מיין אַמעריקאַנישע
פאָן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין ברוקלין, אין פלעטבושער געגנט,
אין געגנט פון דריי און דרייסיקסטער גאַס,
אויף אַ וואַנט פון אַ הויז אינעם געגנט
אַ בראָנזענע פלאַקע פאַראַן.

צוגעקלאַפּט דאָרטן די פּלאַקע
האָבן שכנים און פריינט פון דער גאַס;
זאָל שטענדיק דער נאָמען שיינען
און מאָרגן דערמאָנען דעם היינט...
„מיט דער בראָנזענער פּלאַקע מיר ערן
דעם נאָמען פון מ א י ר ל ע ו ו י ן,
סאַרדזשענט אין דער אַמעריקאַנער לופט-פלאָט —
באָמבאַרדירער אין אַ באָמבער-מאַשין!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„געפאַלן מיין אָדלער, מיין העלד און מיין זון
פאַר אַ מאָרגן אַ פרייעם וואָס טאָגט!"
אַזוי האָט דער טאַטע — געשטיקט פון די טרערן,
אין טרויער געבויגן — געזאָגט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אַלע מיינע כחות וועל איך איצט אָפּגעבן,
העלפן אַלע מאַמעס פון די זין אין קריג!" —
אַזוי האָט מאירס מאַמע צוגעזאָגט צו העלפן
מיט די לעצטע כחות ביזן טאָג פון זיג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טרובאַדור פון די טאָלן און באַרד פון די בערג,
נעמט שנעל די גיטאַרע אַראָפּ פון דער וואַנט —
און שפּילט מיר מיט ליבע און צאַרטקייט אין טאָן
פון דעם אידישן העלד פון מיין לאַנד!...

גאָלדיק די זון דאָ אויף שפּיץ פון די בערג,
די לבנה — ווי קלאָרער בורשטין ;
נאָך זויבערער זאָל זיך אויף וועלטן צעקלינגען
די באַלאַדע פון מאיר לעווין...

שיין ביסטו, לאַנד מיינס, באַפּוצט היינט אין פרילינג
מיט קנאָספּן און צוויטן אויף בוים ;
נאָר שענער געווען איז ביי מאיר לעווינען
זיין העלדישער פלאַמיקער טרוים...

שטאַרק איז דיין אָדלער און מעכטיק זיין פליען,
ווען ער דרייט זיך אַהער און אַהין ;
נאָר העכער און שטאַרקער זאָל ליד מיינס זיך הייבן — .
מיין ליד פון דעם פליער לעווין !...

און וואו נאָר אַ טייכל — זאָל עס מורמלען זיין נאָמען !
און וואו נאָר אַ בוים — זאָל רוישן זיין ליד !
און וואו נאָר אַ גרעזל און בלום אין אַ גאָרטן —
זאָל עס שטענדיק דערמאָנען דעם העלד און דעם איד !...

און וואו נאָר אַ מענטש אויף די שפּיצן פון בערג,
צי אין טאָלן אין טיפע, אין מדבר, אין פעלד —
זאָל ער הערן, דערהערן און קיינמאָל פאַרגעסן
די באַלאַדע פון אידישן העלד !...

ע פ י ל אָ ג

צו איך, מיינע העלדן!

צו איך, מיינע העלדן,
צו איך היינט מיין ליד;
צום איירישמאַן קעלי,
צו־לעווינען — דעם איד!

צו איך, מיינע העלדן,
פון נאָענט און פון ווייט —
צו איך מיין געזאַנג
פון דער היינטיקער צייט!...

צום רויטן אַרמייער
מיט ביקס אין דער האַנט,
וואָס יאָגט היינט דעם נאַצי
אַרויס פון פאַרבאַנד.

צום אַנטי־פאַשיסט
אין געפאַנצערטן טאַנק —
צו איך אַלעמען היינט
מיין האַרציק געזאַנג!...

— און אין טאָג פון נצחון
— ביים סוף פונעם קריג
אייער נאָמען אויסהעפטן
אויף די פאָנעען פון זיג !...

אויף די פאָנעען פון זיג
— אין זון-גאָלד צעהעלט
אייערע נעמען צעקלינגען
אויף דער גאַנצענער וועלט !...

און ווען מיר מיט די פאָנעען
— און טאַצן און פויק
וועלן טאַנצן פון זיג
— נאָכן ריטם פון פויק

וועלן מיר אייך דערמאָנען
מיט צאַרטקייט אין וואָרט ;
גרויסמוטיקע העלדן
פון דאָ און פון דאָרט !...

די העברייאישע ווערטער:

בחור — באָכער
תמיד — טאָמיד
שונא — סוינע
פאַרגנבעט — פאַרגאַנוועט
חושך — כוישעך
שנאה — סינע
זכר — זייכער
קבר — קייווער
רחבות — ראַכוועס
חלום — כאָלעם
כסדר — קעסיידער
ים — יאַם
בשלום — בעשאָלעם
תבואה — טוואוע
שפע — שעפע
יום־טוב — יאָמטעוו
סעודה — סודע
שכנים — שכיינים
מחותן — מעכוטן
פנים — פאָנעם

תפיסות — טפיסעס
משרתים — מעשאָרסים
סוף — סאָף
סוחר — סויכער
התמעט — כאָסמעט
צפון — צאָפן
דרום — דאָרעם
משה — מוישע
מצרים — מיצרייעם
שומר — שוימער
חיות — כיעס
מזל — מאַזל
עצהט — אייצעט
נשמה — נעשאָמע
דורות — דוירעס
סביבה — סוויווע
ישיבה — יעשיווע
גמראס — געמאָרעס
סכנה — סאַקאָנע
מעשיות — מייסעס

אוצר — אויצער
ספרים — ספאָרים
זקנים — זעקיינים
אברהם — אַווראָם
יצחק — ייִצכאָק
עקדה — אַקיידע
בשלום — בעשאָלעם
עקיבא — אַקיווע
בר־כוכבא — באַר־קאָכבאַ
תפילה — טפילע
יעקב — יאַקאָוו
חורבן — כורבן
מכבים — מאַקאַבים
שעה — שאָ
יהודה המכבי — יהעודאַ האַמאַקאַבי
שבת — שאַבעס
פרנסה — פאַרנאָסע
פאַרסמט — פאַרסאַמט
דבורה הנביא — דוואָירע האַנוויִע
אותיות — אויסיעס

שליחות — שעליכעס
כעס — קאַס
חבריש — כאַווריש
בדחן — באַדכן
חזנים — כאַזאָנים
שרה בת טובים — סאָרע באַס טויווים
תחינה — טכינע
יראת־הכבוד — ייִראַס־האַקאָוועד
רחל — ראָכל
צער — צאַר
מערב — מייִרעוו
תיכף — טייקעף
מלבושים — מאַלבושים
פחד — פאַכעד
רחמנות — ראַכמאָנעס
שדים — שיידים
כחות — קויכעס
לבנה — לעוואָנע
מדבר — מידבער
נצחון — ניצאָכן